# בית יעקב

ליטעראַרישער באַמיליען-זשורנאַל
אָרגאַן פאר די אינטערעסן פון די בית-יעקב-שולן
און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילן
רעדאַקטאָר: א. ג. פרידמאַן
נומער 59
8

# פאַרלאַג „בית-יעקב" לאָדזש

דעם קומענדן חודש כסלו דערשיינט א וויכטיק לייענבוך פאַר שול און היים

# „די יידישע נשמה"

פון **אליעזר שינדלער** מיט אַ הקדמה פון ד״ר. **נתן בירנבוים**

דאָס בוך האָט א פיל־פאַרביק רייכן ליטעראַריש־יידישן אינהאַלט:

1) הקדמה
2) די יידישע נשמה
3) בית-יעקב-גיזאַנג (ליד)
4) ווען יידישע קינדער לערנען (אגדה)
5) די אותיות פון אלף-בית (אגדה)
6) הייד פון אונזערע חכמים (אגדה)
7) די מזוזה (מעשה)
8) אברהם אבינו (אגדה)
9) שלום עליכם (ליד)
10) שבת פאַרנאַכט (ליד)
11) יוכבד און מרים (אגדה)
12) חנוכה (ליד)
13) דאָס חנוכה-ליכטל (דערציילונג)
14) עשרה-בטבת (שמועס)
15) מיין יידישי (ליד)
16) פורים סאַראַגאָסא (היסטאָריש)
17) יציאת מצרים (אגדה)
18) אז דיין פיינט וועט פאַלן
19) פון שלמה המלך-ס משלים
20) וואנדער-פייגעלעך (ליד)
21) דער קאַרגער מלך (מעשה-לע)
22) טעג (ליד)
23) דיס פאַרכשופטע פאַס (מעשה-לע)
24) ווייט פון ישוב (ליד)
25) דער אָקס און דער האָן (מעשה)
26) ניסן (שיר)
27) שלמה המלך און דער פויגל
28) ר' שלמה בן יהודא גבירל
29) א תפלה (ליד)
30) ל"ג בעומר (שמועס)
31) קומט יידישע קינדער (ליד)
32) דער יום-טוב פון מתן-תורה (שמועס)
33) דער זעלנער (דערציילונג)
34) י"ז תמוז (שמועס)
35) א יידיש יינגעלע (בילד)
36) פרעג מיך
37) ענפערס
38) ווי אזוי און ווען יידן זענען געקומען קיין בעמען.
39) אין פעלד (ליד)
40) תשעה-באב (שמועס)
41) זאת הכוכבים (ליד)
42) רשי"-ס קבר (א מעשה)
43) ירמיהו (אגדה)
44) קידוש השם
45) רבי אמנון (לעגענדע)
46) צום גדלי' (שמועס)
47) ר' עקיבא (ליד)
48) סוכות (ליד)
49) נאַכט (ליד)
50) רב עוזר (ליד)
51) א יידישער רופא (דערציילונג)
52) ערלעכקייט (אגדה)
53) ווערטער-פאַרטייטשונג

**ד״ר. נתן בירנבוים שרייבט אין זיין הקדמה:**

**א יידיש** לייענבוך דאַרף זיין אזוי, אז די קינדער זאָלן דערפון שעפּן נחת, דערהיסן זיך דורך אים פון כל-ערליי גוטע און שיינע זאכן און, דער עיקר, פילן זיך אין אים ווי אינדערהיים, יידישלעך; א יידיש לייענבוך דאַרף אין יידישע קינדער אריינברענגען, דאָס ליבשאַפט צו דעם בורא עולם, צו זיין תורה און צו זיין פאָלק.

**אונדזער** גוטער פריינד אליעזר שינדלער האָט זיך אונטערגענומען צו שרייבן אזא לייענבוך און ווייזט אויס, איז עס טאַקע געראָטן אין זיינע הענט. קומט אים א גרויסער יישר-כח.

**ד״ר. נתן בירנבוים**

א' דר"ח מרחשון תרצ"א, בערלין

דאָס בוך איז אַ ברכה פאַר אונדזער שול און היים, און מיר מאַכן א צוגעגלעכן פרייז, בכדי עס זאָל קענען אַריינקומען אין יעדער שול און אין יעדן הויז.

— פרייז 1.75 —

פאַר אונדזערע אַבאָנענטן וואָס וועלן באַלד איינצאָלן נאָר 1.40 זל. די וואָס וועלן קויפן מיטאַמאָל א גרעסערע צאָל עקז. באַקומען ראַבאַט.

— געלט-שיקן: P.K.O. 67.795 —


בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 059 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# דעם היינטיקן חודש ווערט אין יעדן אַרט

# גיפירט די תרומת-חברה-אַקציע אויפן יאָר תרצ״א

**מיר** רופן אַלע עסקנות און חברות פון בנות אגודת ישראל זיך צו שטעלן אין די רייען פאַר דער

**אַרבּיט פונים ווערבּירונגס=חודש!** די דאָזיקע אַרבּיט איז נאָר איינמאָל יערלעך, אָבער זי דאַרף גיפירט ווערן מיט דער גאַנצער אָנגישטרענגטקייט און איבערגיגעבנקייט. קיין איין גי-פרייע בנות-אגודיסטקע בלייבּט נישט גלייכגילטיק! קיין איין באַ-וואוסטזיניקע יידישע טאָכטער זאָגט זיך נישט אָפּ צו דערפילן איר חוב, מיט דער גאַנצער אויפאָפּערונג, וואָס עס האָבּן תמיד באַוויזן יידישע פרויען, פאַרן יידישן הייליקטום, מיטן זעלבּן אייפער און בּרען. טון היינט די בּנות-אגודיסטקעס גיין אין שפּאַן, אין דער אַרבּיט פאַר דער זעלבּער זאַך!

**חברות!** נאָך טויזנטער און צענטויזנטער יידישע פרויען זענען פאַראַן, וואָס ווייסן אַבּסאָלוט נישט פון אונדזער באַ-וועגונג, אונדזער אידעאַל האָט נאָך ווייט נישט אַרומגינומען די בּרייטע יידישע פרויען-מאַסן, אַפילו די רעליגיעזע פרויען און מיידלעך, ווייסן אויך נאָך נישט, אַ גרויסער טייל פון זיי, צו וואָס מיר שטרעבּן און עס ווערט זיין אונדזער הטא, אויב מיר וועלן נישט כאָטש די לעצטע באַוועגן, צו אַרבּיטן גימיינזאַם מיט דער אויפגיוואַכטער מחנה פון די טראַדיציאָנעלע בּנות-ישראל!

אונדזער העכסטע רעפּרעזנטאַנץ, דער לאַנד-צוזאַמינפאָר, האָט בּאַשלאָסן, אַז יעדעס יאָר זאָל גיפירט ווערן אַ ווער-בּירונגס-אַקציע און אָט איז דעם היינטיקן חודש אויסגיפאַלן צו פירן די דאָזיקע אַקציע. ווער וועט פעלן? ווער וועט דאָס נישט פאַרשטיין, אַז אין אַזאַ גייסטיק-קריטישער צייט מוז אונדזער פאָן בּרייט אויפגיוויקלט ווערן?!!

מיטן גיין פון הויז צו הויז, צו פאַרשפּרייטן אונדזער תרומת-חברה, פירן מיר די בעסטע אויפקלערונג, שטאַרקן מיר דאָס באַוואוסטזיין, דאָס אמת-יידישע באַוואוסטזיין בּיי אונדזערע יידי-שע שוועסטער. דורכן קומען מיט אונדזער איינציקן צייכן אַלס בּנות-אַגודיסטקעס, באַווייזן מיר, אַז עס לעבּט און ווירקט אַ וועלט-באַוועגונג פאַרן אויפלעבּן דעם אמת-יידישן גידאַנק אין אונדזער צייט, און דאָס איז דער מעכטיקסטער פּראָטעסט קייגן די שונאים פון אונדזערע הייליקטימער, די פיינט פון יידישקייט, די קרעפטיקסטע שטים פון דער אַנטי-כּפירה מאַכט אין דער יידישער גאַס, איז דער תרומת-חברה-צייכן!!!

**דאָס** אויסקויפן די תרומת-חברה, איז גאָר אַ באַזונדערע דיסציפּלי-נאַרע פליכט פון יעדער מיטגלידערן, פון דעם דאָזיקן אָבּליגאַטאָרישן חוב, איז אפילו די אָרעמסטע, נישט באַפרייט, לויטן באַשלוס פון אונדזער קאָנפערענץ. די יעניקע, וואָס האָט נישט יעדעס יאָר אַ תרומת=חברה האָט קיין שום רעכט און קיין שום חלק אין דער בּנות-באַוועגונג!

עס איז אָבער דער חוב פון אונדזערע אַלע עסקנית צו זען, אַז נישט בּלויז די אָפיציעלע מיטגלידער זאָלן האָבּן תרומת-חברות — וואָס דאָס וועט זיין אַ פּרינציפּ, פון וועלכן די צענטראַלע וועט נישט אָפּזאָגן זיך — נאָר עס מוז אויך אַלץ אָנגיווענדעט ווערן, אַז סתּם יידישע פרויען זאָלן אויסקויפן די תרומת-חברה. אַזוי אויך מוזן זאָרגן די סימפּאַטיקערנס פון „בּנות" אין די שטעט, וואו אָפיציעל עקזיסטירט נאָך נישט קיין אָרגאַ-ניזאַציע, דאָס עס זאָל ווי גיהעריק פאַרשפּרייט ווערן די תרומת-חברה בּיי יידישע פרויען און מיידלעך, אין וואָס אַ גרעסערער צאָל!!!

**חברות!** נישט גיטראַכט און נישט גי-חקרנט זיך, צו דער אַר-בּיט רופן מיר אייך, צו אונדזער גרויסער אידעאַלער זאַך זשאַלעוויט נישט אייער גיטריישאַפט און אייער מוט, ווידער צו די בּרייטע יידישע פרויען-מאַסן רופן מיר: נעמט אויף מיט האַרציקייט און פריינטלעכקייט, די וואָס קומען צו אייך מיט דער תרומת-חברה, וואַרט גאָר נישט בּיז מען וועט צו אייך קומען, אַליין מאָנט אייך, אַליין זוכט אויף אייער תרומת=חברה, אַליין זוכט דעם וועג אָנצושליסן זיך אין דער היסטאָרי-שע אמת-יידישער פרויען=באַוועגונג! ווענט אייך אין אונדזער סעקרעטאַריאַט, די וואָס האָבּן קיין בּיכלעך נישט באַ-קומען וועט איר אַזאַ בּיכל תּיכּף דערהאַלטן. צעגערט נישט, שטייט אויף דער גיהעריקער הויך פון דער היסטאָרישער יידישער פרוי, וואָס איר נאָמען איז אין דער יידישער גישיכטע אַזוי פאַר-הערלעכט און גילויבּט!!!

**לאָמיר פאַר דער גאַנצער וועלט באַווייזן, אַז שטאַרק און מעכטיק, איז דער תורה=גידאַנק בּיי אונדז,** בּיי די יידישע טעכטער, נאָך לעבּט די בּת-ישראל מיט איר גי-טריישאַפט צו דער יידישער טראַדיציע, נאָך פלאַקערט דער אש-דת אין יידישן הויז, פון וועלכן די פרוי איז זיין אָנצינדער, זיין טרעגער און פאַרשפּרייטער!

זאָל לעבּן אַגודת-ישראל!

זאָל לעבּן בּית-יעקב!

זאָל לעבּן בּנות=אַגודת-ישראל!

צענטראַלע

ב נ ו ת-א ג ו ד ת=י ש ר א ל

אין פּוילן

## אונדזערע פּרעמיעס

### פאַר די קויפער און פאַרשפּרייטער פון

# תרומת-חברה!

אַלע וואָס וועלן אויסקויפן אַ תרומת-חברה אויפן יאָר פון תרצ״א גייען אַריין אין גורל צו גיווינען 50 ווערטפולע בּיכער, דאַרונטער פיל טייערע און העכסט-אינטערעסאַנטע!

אין יעדן אָרט, וואו עס וועלן פאַרקויפט ווערן 50 תרומת-חברות, גייען די זאַמלער אַריין אין גורל צו גיווינען אַ בּחנם-דיקן אויפהאַלט פון 5 וואָכן צייט בּיים נאָענטן פירערן-קורס אין ראַבּקע!

אַדרעס צו באַשטעלן תרומת-חברה-בּיכלעך:

Sekretarjat B, A. I. Łódź skrz. poczt. 146

דאָס געלט פון תרומת-חברה ווערט אָפּגישיקט אין דער לאָדזשער האַנדלס קרעדיט-באַנק.

Bank Kupiecko Kredytowe Łódź P. K. O. 65.500

בּיים שיקן געלט אין דער באַנק צו שרייבּן אויפן טשעק „פאַר תרומת חברה".



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 059 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

ב"ה

לאדזש

מרחשון

תרצ"א

ŁÓDŹ Listopad 1930

№ 59 Rok VIII

בית יעקב

חודש זשורנאל

ארגאן פאר די אינטערעסן פון בית-יעקב-שולען און ארגאניזאציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילען

# פאַרוואס אַ נייַער אויסלייג?

פון ד"ר שלמה בירנבוים

**דער** אויסלייג איז דער לבוש פונים געשריבינים לשון. אַזוי ווי ס'איז נישט אַלץ איינס, וואָס פאַר אַ מַלבושים מען טוט זיך אָן, פונקט אַזוי איז נישט אַלץ איינס, וואָס פאַר אַן-אויסלייג מען ניצט ביים שרייבן, און פונקט ווי אַ יִיד איז נישט אַלץ איינס, וואָס פאַר אַ הַלבָשה ער גייט, אַ יידישע אָדער אַ נישט-יידישע, פונקט אַזוי איז נישט אַלץ איינס, צי מען שרייבט שון-קודש און יידיש אויף אַ יידישן אופן אדער אויף אַ* פרעמדן.

דאָס איז די הַנָחה פאַר אונדזער שיטה, דער יְסוד פאַר אונדזער אַרבּיט. אַצינד קענין מיר גיין און אויספאָרשטן די זאַך פּינקטלעכער, צוקוקן זיך נענטער צו די פּראָבלעמין.

**זאָגן** מיר, אַז דער אויסלייג, וואָס ווערט היינט גידרוקט אין די בלעטער און ביכער פון דער פרומער מַחנה אין קאנגרעס-פוילן, איז נישט קיין יידישער, און ס'-וועט נישט זיי שווער, צו ברענגין דערויף ראַיות. לאמיר זיך אַ ביסל צוקוקן צו דער היסטאָריע פון דעם דאָזיקן אויסלייג.

דער אויסלייג פון יידיש איז אין עיקר געבליבן דער זעלבער פון די עלטסטע צייטן ביז אין דער נייער צייט אַריין. פאַרשטייט זיך, אַז ס'-זענין אויך געווען שינויים, דאָס מוז דאָך זיין, ווייל דאָס לשון האָט זיך געביטן. נישטאָ אויף דער וועלט קיין שום אַך, וואָס זאָל זיך נישט בייטן. אויך דאָס לשון גייט אַריין אין דעם כּלל. נישט דאָס לשון ביַיט זיך, נאָר די רעדער פונים לשון. אבער קיין נייע פּרינציפּן זענין טויזנט יאָר נישט אַריין אין יידישן אויסלייג. מען האָט זיך געהאַלטן ביי דער טראַדיציע און געביטן נאָר דאָרטן, וואו דאָס רעדן אַליין האָט זיך געביטן און דער וועג דערפון איז געגאַנגען אַלץ מער צו דער זייט פון יידישקייט.

**געקומען** אַ נייע צייט, די צייט פון דער הַשׂכָּלה. אַ תקופה פון יְרידה. אָפּשוואַכונג פונים לעבן פון דער נְשמה, פלאַטשיק ווערן פונים שׂכל, דאָס איז די כאַראַקטעריסטיק פון אָט דער תקופה. איבעריק, היינט און ביי אונדז נאָך צו רעדן וועגן דעם. די מַשׂכּילים האָבן אָנגעוואוירן דאָס אֶמתע געפיל פאַר יידישקייט. אַלץ, וואָס פריער איז עס געווען גוט און שיין, איז אַצינד געוואָרן שלעכט און מִאוס, יידישע מִנהגים זענין געוואָרן נאַריש, דאָס יידישע לעבן — אַ פּאַסקודנע זאַך. אַלץ אין זייערע אויגן, רעט מען, צווישן די ספּעציפיש יידישע זאַכן האָבן זיי זיך אויך גענומען צום לשון פון די יידן. דאָס האָבן זיי נישט געקענט פאַרשטיין, אַז יידן זאָלן האָבן אַן-אייגן לשון, דאָס האָט זיי נישט געפּאַסט. אַז ס'איז נאָענט צו דייטש, דאָס זעט דאָך יעדער. האָט עס בְּמֵילא ביי זיי געהייסן דייטש, נאָר ס'איז דאָך פאָרט עפּיס נישט זייער שטאַרק דייטש, האָבן זיי געפּסקנט, אַז ס'איז צוקאַליטשעט דייטש, יידן זענין דאָך קאַליקעס... אַ פשוטע ראַיי'... און אַז דאָס לשון איז אַ צוקאַליטשעט דייטש, איז דערפון גידרונגין, אַז דער אויסלייג זיינער איז אַ צוקאַליטשעטער דייטשער אויסלייג. אַ פּראָסטער שׂכל, אַ יאָ? און אַז ס'איז צוקאַליטשעט, דאַרף מען עס דאָך אויסבעסערן, און וואָס הייסט אויסבעסערן? אויסלייגן אַזוי ווי דער דייטש, אַגב אורחא, זיי זענין נישט געווען אויסגעהאַלטן, וואָרן אויב אַזוי, וואָלטן זיי שוין געווען גידאַרפט איבערנעמען די דייטשע אותיות אויך... בְּקיצור, זיי האָבן גענומען יידיש מיט זיין אויסלייג און פון ביידע געמאַכט אַ תֵּל. וואָרן פונקט ווי זיי האָבן נישט געהאַט קיין יידיש געפיל פאַר ביידע, האָבן זיי אויך גאָר נישט פאַרשטאַנען פילאָלאָגיש וועגן זיי. נו, נו, האָבן זיי דאָ אַ ביסל אָנגעאַרבעט!

**דער** דייטשער אויסלייג איז היינט גענוג שלעכט, נאָר דעמלט איז ער געווען גאָר אין דר-ערד. און אָט די מְציאה האָבן געכאַפּט אונדזערע מַשׂכּילימלעך און אַריינגעבראַכט אין יידיש. ס'-זענין אויסגעוואַקסן אַצינד געכפּלטע אותיות, ווי אין „קוממען" און „עססען", עס זענין צוגעקומען שטומע הֵי'אין און שטומע עַיינס גאָר אָן אַ שיעור. מ'-האָט אַצינד געטרונקען טיי מיט הֵיי — עיין, אַ טעות, מיט אַ הֵיא — „טהֵיי", מ'-איז „געפאָהרען" מיט הֵיא, ווער האט נאך גירעט וועגן „לעבן", אַצינד איז געוואָרן אַמאָדע צו „לעבען", די עיינס זענין געוואַקסן ווי שוואַמען נאָך אַ רעגן, די דייטשמערישע עַיין האָט אַרויסגעשטופּט אין גאַנצן די יידישע יוּד. טויזנט יאָר איז געווען רעכט צו שרייבן „געזאָגט, קומין", אַלע האָבן געשריבן אַזוי, פון קינדער ביז גאונים — אַצינד זענין געקומען די מַשׂכּילים בכבודם ובעצמם און האָבן אַריינגעפירט די עיין: „געזאָגט, קומען".

אָט דער אויסלייג — כּ'רוף אים דעם אַלט מַשׂכּילישן — איז נישט געבליבן שטיין אויף איין אָרט, ס'-איז אויסגעוואַקסן די נייע יידישע ליטעראַטור, דער אויסלייג איז אַ ביסל אויסגעבעסערט געוואָרן און מיט דער גרויסער פּרעסע האָט ער זיך שטאַרק פאַרשפּרייט אין ברייטן עולם.

**וואָס** איז דערווייל געווען מיט'ן טראַדיציאָנעלן עולם? דאָס פאָלק האָט זיך מער ווייניקער געהאַלטן ביים אַלטן שטייגער שרייבן. ביז צום היינטיקן טאָג קען מען למשל געפינען די אַלטע יוּד אויפ'ן אָרט פון דער מאָדערנער עיין, אבער נישט אַזוי איז געווען ביים דרוקן. דאָ האָט זיך באַלד אָנגעהויבן צו פילן די הַשפָּעה פון דעם מַשׂכּילישן אויסלייג. מ'-האָט איבערגענומען טיילן דערפון. איין פּירוש עברי-טייטש ברענגט למשל די עיין, אַן-אַנדער ספר נעמט אַריין אַ שטומע הֵיא וכדו' אַלץ מער

ארכיון אסופות

און מער, אָבער דאָס אמתע פאַרשפּרייטונג האָט זיך ערשט אָנגעהויבן מיט אַ פערצן יאָר צוריק, מיט־ן ערשטן ארטאדאקסישן טאָג־בלאַט.

הייסט עס אַ טראַדיציע, פון פופציק יאָר השכלה און אפּיקורסות שטייט אַקעגן אַ טראַדיציע פון טויזנט יאָר יהדות. אַ טראַדיציע פון פערצן יאָר נאָכמאַכונג אַ קעגן אַ טראַדיציע פון טויזנט יאָר יידישקייט... דאַכט זיך, ווער קען דאָס נאָך מסופק זיין, וואָס מען דאַרף טון, וואָס מען דאַרף אויסקלייבן?

נאָר לא מיט אַן־אַלף! ביי אונדז איז נישט אַזוי פּשוט. מען וויל נישט, מען קומט מיט טענות: אַזוי און אַזוי, דער עולם וועט זיך דערשרעקן, דער עולם וועט דאָס נישט פאַרשטיין, דער עולם וועט זיך נישט געוויינען, דער עולם דאָס, דער עולם יענס, נישט קיין גרויס קאמפּלימענט פאַר אונדזער עולם, אַז מען האַלט אַזוי פון אים... איך מיין, מען דאַרף זיך נישט אַזוי שרעקן. זאָלן די בלעטער און שרייבער נאָר וועלן — דער עולם וועט זיין זייער צופרידן. ווארן דאָס יידישע געפיל איז נאָך שטאַרק און לעבעדיק ביי אים און ער וועט באַלד דערשפירן דאָס וויכטיקייט פונים ענין.

**און** נאָך אַ זאַך: דער עולם וועט באַלד געוואָר ווערן, אַז דער משכילישער אויסלייג איז אַ חוץ דעם וואָס עס איז נישט יידיש, איז ער נישט גוט אויך, בשעת אונדזער נייער וועט טויזנט מאָל פאַרגרינגערן דאָס לערנען.

דאָ מוזן מיר דערמאַנען דעם „מאדערנים" אויסלייג. פון די לינקע. נאָך כמעט מיט אַ צוויי צענדליק יאָר צוריק האט מען ביי זיי אָנגעהויבן צו רעפאָרמירן דעם אַלטן, משכילישן אויסלייג, און בשעת מלחמה האט דער נייער אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון, אַזוי, אַז ביי זיי דרוקט זיך מיט אים כמעט די גאַנצע ליטעראַטור. פאַראַן אויך אַ פּאָר ארטאדאקסישע בלעטער, וואָס האבן אים איבערגענומען.

וואָס האבן זיי אויסגעבעסערט? דער עיקר: זיי האבן ווידער אַרויסגעוואָרפן די שטומע הייאין און עיינס. דערצו נאָך פּרטים: זיי שרייבן נישט „ענט, פער, בע" אאַ"וו. נאָר „אַנט, פאַר, באַ" אאַ"וו ווי פריער וכדו'. זיי האבן אבער איבערגעלאזט גאָר אַ שטאַרקן סימבאָל פון דייטשמעריזם, אַסימילאַציע אַפּיקורסות: איין שטאַטס יוד. און דאָס פאַרשטייט זיך במילא, לויט זייער גאַנצע השקפה וואָלט עס גאָר אַנדערש נישט מעגלעך געווען. זיי האבן דאָך נישט בדעה אומצוקערן זיך צום אַלטן יסוד. פאַר זיי איז דאָ נאָר פּראַקטישע טע־ים, דער עיקר פאָנעטישע.

נאָר שרייבן זיי טאַקי אַזוי ווי מען רעדט? מען דאַרף נישט קיין לאַנגע חקירות און דרישות אויף צו זען, אַז נישט. פּשוט. ווייל ס־איז נישט מעגלעך. אויב מען וואלט עס געטון, וואָלט נישט מעגלעך געווען אַ בשותפותדיק לשון פאַר אַ גאַנץ פאָלק. הייסט עס, פאָנעטיש קען נאָר זיין ווי ווייט מעגלעך.

איז ביי זיי אבער אַ גרויסער חסרון, אַז ס־איז נישט אַזוי ווייט ווי מעגלעך, דער מאדערנער אויסלייג איז ווי ס־איז צוגעפּאַסט צום „ליטווישן" דיאלעקט, צום „פּוילישן" ווייט נישט גענוג. און דער „פּוילישער" דיאַלעקט איז דאָך דריי מאָל גרעסער, און עלטער נאָך דערצו. דאַרף מען אויך עפּיס טון פון זיינטוועגן. און דאָס איז געטון געווארן אין אונדזער אויסלייג. דעם „ליטווישן" דיאַלעקט שטערט עס נישט, ווייל ער איז אָרימער אין קלאַנגען, און אין „פּוילישן" וועט עס אַצינד זיין פּעדאַגאָגיש אַ סך גרינגער אויפצולערנען די קינדער. ביז אהער איז געווען אַזוי: דאָס קינד האט זיך אַ פינף יאָר אויסגעלערנט דאָס לשון מיט אַלע פּרטים און דיקדוקים פון די קלאַנגען. ווען ס־האט אָנגעהויבן צו שרייבן האט מען עס געמוטשעט צו פאַרגעסן דאָס רוב פון דעם, וואָס ס־האט אליין געהערט און גערעט, און ס־האט מיט אַ פּאָר אותיות געמוזט איבערגעבן אַ גרויסע צאָל פון קלאַנגען. למשל אויף די פיר פאַרשיידענע קלאַנגען „אַ, אָ, א, א," אין די ווערטער „שלאָפן, קאָרטן, האפן, קאַרן", האט מען אים געגעבן אין דער האַנט אריין נאָר איין אות, אַ קמץ־אַלף: „שלאָפן, קאָרט, האָפן, קאָרן". נאָך ערגער: מיט איין „ע" האט עס געמוזט שרייבן זיבן פאַרשיידענע אַכן: ס־האט געהערט: „וועט, טעג, לייג, באַרליך, גוטער, געזאָגט, זאָגן" און האט געמוזט זיך איינחזרן, אַז הערן איז גאָרנישט.

שרייבן דאַרף מען אַלץ נאָר איין אות, אַן־עיין: „יועט, טעג, לעג, באַרלעך (אדער אַפילו באַרליך), גוטער, געזאָגט, זאָגען". און אַזוי און נאָך אַזאַ גלייכן. — אין אונדזער אויסלייג איז אַזוינס נישטאָ. ווי ווייט ס־איז בכלל מעגלעך און ווי ווייט מען דאַרף נישט קוקן אויף־ן אינטערדיאַלעקטישן און עטימאָלאָגישן פּרינציפּ שטייט פאַר יעדן קלאַנג טאַקע אַ באַזונדער אות.

**דאָס** ווידער־פאַרייִדישונג און אויסבעסערונג פונים אויסלייג איז נאָר אַ התחלה אין דער אַרבעט, ווידער צו פאַרייִדישן דאָס גאַנצע לשון, אין אַלע טיילן זיינע. דאָ קען מען גרינגער אָנהייבן צו אַרבעטן און דאָ זעט זיך עס מער אָן.

**אַזוי** ווי בית־יעקב און זיין זשורנאַל האבן געהאַט די זכיה צו זיין די ערשטע אין דער מלחמה אַנטקעגן דער גרויסער סכּנה פון אַסימילאַציע צווישן די יונגע מענטשן, אַזוי איז אַצינד אויך אויסגעפאַלן אויף זיי דער זכות, די ערשטע אויפצוהייבן די פאָן פון יידישקייט אין היינטיקן עטאַפּ פון דער דאָזיקער מלחמה און אַזוי אַרום צו פאַראייניקן זייער נאָמען און צווישן זיי די לערערנס און מיט זיי די בנות אגודת ישראל ווייזן אַרויס און וועלן אַרויסווייזן זייער איבערגעגעבנקייט צו דער זאַך, און וועלן באַלד פועלן, אַז אויך די מענטשן, אין אונדזער מדינה, וואָס פאַרשטייען נאָך נישט, ווי וויכטיק ס־איז דער דאזיקער אויפטו פאַר־ן יידישקייט, וועלן צושטיין צו־אונדז און אַרבעטן מיט אונדז.

צו דער אַרבעט! אָנווייזן אויף דער סכּנה, אויפקלערן טעותים אָנווייזן דעם וועג!


# דער קומינדיקער נומער

## שוין דער לעצטער פון

# בית - יעקב

# אלס חודש-זשורנאל!

דער קומינדיקער נומער פון „בית־יעקב" № 60 פון חודש כסלו, וועט זיין דער לעצטער נומער אַלס חודש זשורנאַל. פון נומער 61 הייבט דער „בית־יעקב" אָן אַרויסצוגיין יעדע צוויי וואָכן! בע"ה וועט שוין קיין שום ענדערונג נישט אַריינטרעטן.

*

מיר רופן נאָר אונדזערע פריינט צו קומין אונדז צו הילף. גאַנץ באַזונדער פאָדערן מיר אויף אַלע אונדזערע פריינט צו זאַמלין פאַרן איינמאַליקן פאָנד פון דער בית־יעקב־ליטעראַטור. דאָסדאָזיקע געלט וועט זיין פאַר אונדז אַ שטאַרקע אינטערשטיצונג ביי אַזאַ געוואַגטער אונטערנעמונג אין אונדזער צייט. די ווייטערע רשימות פאַר די שפּענדער פון אונדזער ליטעראַטור־פאַנד וועלן מיר אָנהייבן געבן אין קומינדיקן נומער!

דער חשון־נומער פון קינדער־גאָרטן № 28 שוין ערשינין!

מאַכט באַשטעלונגין פאַר יעדער שולע!

# אונדזער חשון-ארבייט

שרה שעניערער

## (צום ווערבירונגס-חודש און תרומת-חבורה-אקציע)

...און אוועק איז שוין דער ערנצטער תשרי-חודש און כ-בין זיכער, אז די הארציקע שופר-קלאנגין וועלן אלע מיינע שוועסטערן ס-גאנצע יאר באגלייטן און זיי כסדר צו זייער הייליקער ארבייט רופן.

און ווייסט איר מיינע ליבע בנות-שוועסטער, וואס ווידער דער שטילער חודש חשון פארלאנגט פון אייך?

אין ספר מלאכי (קאפיט. ג. פ. ט"ז) איז געשריבן: אז נדברו יראי ד' איש אל רעהו, ויבקש ד' וישמע ויכתב בספר זכרון לפניו ליראי השם ולחושבי שמו" — „דעמלט ווען ס-רעדן ג—טס פארכטיקע צווישן זיך איינער צום אנדערן, פארנעמט דאס ג—ט און הערט זיך צו, און פארצייכנט זיי אין זיין ספר זכרון, פון די יראי השם און צווישן די וואס ווילן חשוב מאכן זיין נאמין".

דער חודש חשון איז שוין דא און מיט אים די לאנגע ווינטער-נעכט זאלן-זשע די בנות-חברות פון יעדן ארט גידענקין צו שפענדן א שעה, צוויי אין די דאזיקע לאנגע נעכט און טראכטן ווי אזוי די בנות-ארגאניזאציעס צו שטארקן און פארפעסטיקן.

יא, לייכט איז צו זאגן, אבער שווער, זייער שווער איז אויסצופירן, וועט נישט איינע מיר ענפערן. אבער לאמיר א קוק טון:

אויך אין דער היינטיקער צייט ווען אונדזערע ימים טובים זענין נאר א שוואכער אפקלאנג פון די פריערדיקע צייטן, בעת מיר זענין גיוועזן אין אונזער הייליק לאנד, ווי די שמחת בית השואבה אין סוכות איבערהויפט איז גארנישט אין א מענטשלעכער שפראך איבערצוגעבן. דאך מיין איך האט איר אלע גיפילט דעם שמחת-תורה דאס התלהבות, וואס הערשט ביי יידן און טאקע ביי חסידישע יידן נאכמער.

ווייל די גימיינזאמע שמחה, וועקט כסדר פריש אויף דאס נאציאנאלע גיפיל, און דערמיט פארגעסט דער ייד זיינע אלע פריוואטע זארגן פון טעגלעכן לעבן.

אלזא אט צו דעם פריי...עכן גימיינזאמין לעבן, צו גימיינזאמע שמחות, זאלט איר אייערע באקאנטע קרייזן צוציען.

איר קענט דאך היינט פיל שוין ב"ה פון אייגינער איבערצייגונג, ערקלערן, וויפיל גליק, וויפיל שמחה ס-גיט אזא צוזאמין-לעבן. לאמיר אלס ביישפיל נעמין דעם פאקט, וואס עס ווערט דערציילט אין ספר שמואל:

„ווען די שבטים האבן גימיינזאם גיצויגן קיין שילה, צום הייליקן ארט, האט א איינצעלנער מענטש גאר נישט גישפילט קיין ראלע, דער יחיד איז פון דער אלגימיינער באגייסטערונג באאיינפלוסט גיווארן און פול מיט התלהבות צוריקגיגאנגין אהיים. אבער, ווען די וועגן קיין שילה זענין גיווארן פארוויסט, ווען די בני ישראל האבן ליידער זייער גליק נאר אין זייער עשירות גיזעען, דעמלט, דעמלט ווען אלקנה גייט אליין מיט זיין ווייב און קינד קיין שילה און גייט מיט אזא ערנצט, מיט אזא שמחה, אז פון זיין באגייסטערונג ציעט זיך אן א פלאם אין הארץ פון יעדן באקאנטן, אדער שכן, וואס זיי טרעפן אויפן וועג, און יעדער גייט שוין מיט זיי, טא זאגט שוין ג—ט: אז דאס אויפגיין פון אלקנה באטייט א גאנצע נייע עפאכע אין ישראל-ס גישיכטע, אוין חנה ווערט אזא בארימטע פרוי דאדורך און זיי האבן די זכי' צו האבן א זון שמואל, וועלכער האט צוריקגיגעבן דעם יידישן פאלק זיין אלטן גלאנץ.

נו, ווייסט איר שוין, מיינע ליבע—וואס יעדע פון אייך קען ווערן? כ-האב-ס שוין גיזאגט: ווערן א חנה!

אבער וואס זאל מען דערצו טון?

קודם לערנין! נאר די אומוויסנהייט טוט אונדזערע טעכטער פארפירן און מאכט זיי אזוי לייכט בלינד בלאנדזשן אויף פרעמדע וועגן, קודם לערנט! לערנט מיינע שוועסטערן די הייליקע תורה, פארטיפט אייך אין די רייד פון אונדזערע נביאים, פארטראכט אייך אין דער חכמה פון אונדזערע חכמים, לערנט דינים, תפלה, באקענט אייך מיט דער גישיכטע פון אייער פאלק.

לערנט יידישע טעכטער, לערנט, כדי דער יידישער ג-סט זאל אויפלעבן אין אייך און זאל אייך באגייסטערן צו ווערן א חנה; מיט יעדן ביסל יידיש וויסן, וואס איר באררייכערט אייער וועזן, הייבט איר אויף א שטיין פון די חורבות פון בית-המקדש, און איר שאפט א נייעם ציגל צו דער מויער פון נייעם בית-המקדש, וואס וועט שוין אייביק שטיין.

לערנט יידישע לימודים! שפארט אייך אפ פון די אנדערע כלומרשטע פארגניגנס, באגרייפט דעם ווערט פון יידישן וויסן! גידענקט! נאר די יידישע למודים זענין די אמת-ע שפייז פאר אונדזער יידישן גייסט.

זאלן פאר אייך זיין א ביישפיל די פרויען פון די פריערדיקע דורות מיט וועלכע באגייסטערונג זיי האבן זייערע יידישע פליכטן ערפילט און אפילו זייער לעבן אלס קרבן גיבראכט! און פון וואנין האבן זיי דאס זייער התלהבות גישעפט? זיכער נישט פון די פרעמדע ביכער, וועלכע מיר קענין נאר אביסל דולדן, ווייל מיר זענין אין גלות, אין יעדע מינוט פון זייער ליידיקער צייט, האבן זיי זיך פארטיפט, אין א צאינה וראינה, מנורת המאור, קב הישר, לב טוב און קיצור שלחן ערוך... דערמאנט אייך דעם עפיזאד פון מיין טאג-בוך, ווען איך האב אין ווין די ערשטע דרשה גיהערט, האב איך די גאנצע צייט נאר גיטראכט: אוי, ווי נעם איך דא אלע מיינע פוילישע חבר-טעס, זי זאלן אויך מיין גליק פילן!

אזוי אויך איר מיינע בנות-שוועסטער! יעדע זאל זען פון איר באקאנטן קרייז כאטש איינע צו גיוויגין, איר כסדר ווייזן ווי א תורה-לעבן, איז א לעבן פון גליק. קלערט אויף, ווי קיין איינע „פרייע", פילט זיך נישט גליקלעך, כאטש זי זאגט: ס-איז מיר גוט, ס-איז מיר וואויל... איך קאן דאך אייך פון צענדליקער פאקטן דערציילן, ווי אזאלכע „פרייע" האבן זיך פאר מיר מתוודה גיוועזן, אז זיי פילן זיך אומגליקלעך...

נו, און אצינד ווילן מיר נאך צוריקקערן צו אונדזער פארבילד, צו אונדזער אלקנה, צי מיינט איר, אז א בלויזער אלקנה, וואלט גיקענט האבן אזא שמואל, ווען זיין פרוי וואלט נישט א חנה גיוועזן?

צי קענט איר נאך צווייפלין, וואס א פרוי קען טון, ווען איר טוט אדורכלערנין און פארטיפן זיך אין די תפלה פון א חנה, וועלכע איז פאראייביקט גיווארן אין אונדזער ספר הספרים.

אבער איר מוזט גידענקין מיינע ליבע, אז נישט בלויז צום לערנין רוף איך אייך, נאר אויך צו דערפילן אונדזערע יידישע פליכטן און נישט שעמין זיך מיט זיי...

אט דאס איז אייער חשון ארבייט! מיינע ליבע בנות!

חשון — איז אונדזער ווערבירונגס-חודש, ס-הייסט, מיר דארפן טראכטן מיט אלע כחות, וואס ברייטערע קרייזן, באוואוסטזיניק צו מאכן פאר אונדזער באוועגונג. לויטן באשלוס פון אונדזער לאנד-קאנפערענץ, מוז אויך אין דעם חודש גיפירט ווערן די תרומת-חברה-אקציע. יעדע חברה און יעדע יידישע פרוי, מוז באזיצן דעם איינציקן צייכן, פון אנגיהעריקייט צו „בנות אגודת ישראל". תרומת חברה איז אויך דער צייכן פון זיין אנגישלאסן אין דער וועלט-באוועגונג פון אגודת-ישראל. דורך דער תרומת חברה קאנין מיר ציילן די גרויס פון דער צאל, וואס פאראייניקן זיך ארום אונדזער היסטארישער פאן.



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 059 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# אונדזער שול=ליטעראטור / י. ב. קאמיענציץ

בידוע איז אן אקס־אמע אין דער פעדאגאגיק: ווי̄ל מען איינפלאנצן אינים קינדישן הארץ רעספעקט, צוטרוי צום לימוד און וואסערע באפארבונג דער לימוד זאל נישט זיין; ווי̄ל מען, אז די יידישע נשמה זאל זיך באפליגלען מיטן גייסט פינים לימוד, זיך באגייסטערן מיט דער אידעאישער לחלוחות, וואס שנירלט זיך אינים לערנען — מוז דער טראפ גישטעלט זיין אויף די גידרוקטע שורות, וואס דארפן תמיד ליגן פארן קינד־ס אויגן אויף דער שול־באנק.

דאס זענין די „אותיות־מחכימות”, וואס שווימען אריין אין קינדיש הארץ ווי לעבעדיקע קלאנגען, ווי פאנטאסטישע חלומות מאלן זיי זיך אין דער קינדישער פאנטאזיע, דורך דעם צויבער־מויל פון גוטן לערער אדער לערערן.

זיצט אבער — אין קייגנפאל — דאס קינד ביי א ליידיקער שולבאנק און קוקט צום לערער, וואס ציט זיין לעקציע, ווי א שווארץקינצלער פייער־צונגען פון מויל, הייסט דאס גישטויסן וואסער און גימאלן ווינט...

אנטקייגן וואס ס־איז צו רייד גיקומען?

— מיינע חברים, די עסקנים אין דער „בית־יעקב” ־ באוועגונג שטויסן זיך מסתמא אן.

ס־הערשט א פארברעכערישע טענדענץ אין אונדזערע שולן, נישט צו באנוצן זיך מיט די איינצלנע פארהאנענע שול ־ ביכלעך אין קלאס.

די לערערין פון אונדזער שול זארגט לחלוטין נישט אדער גאר ווייניק פארן צולאזן דאס געדרוקטעווארט צום קינד. *

צי גיבן זיך כאטש אפ מיינע חברים א דין־וחשבון וואסערע מוראדיקע סכנה ס־איז דא אין דעם פאר דער ענטוויקלונג פון אונדזער יינגער שול־באוועגונג? ווייסן זיי כאטש, אז אזא באציאונג איז עלול חלילה אונטערצוגראבן ביזן יסוד דעם זכות הקיום פון אונדזער שול־בנין?

ס־איז דער פראגנאז פון אזא טאקטיק א באשטימטער: ס־מוז דאס קינד, צוליב דער דאזיקער אנווענדונג, פארלירן דעם צוטרוי, צו דער לערע־ן, וואס דרעשט אזעלכע מויל ־ לעקציעס אינים הוילקייט פון קלאס און ס־איז נישטא דער שטאלענער פאדימ דאס געדרוקטע ווארט, וואס זאל צונויפגיסן די לערערן מיט דעם קינד.

אלס אילוסטראציע נעמען מיר למשל דאס זשורנאלעכל „קינדערגארטן”. ס־א רע גרויסע באדייטונג וואלט דאס גיקענט האבן פאר דער שול־ליטעראטור, אין וועלכער מיר זענען אזוי ארעם.

אין די לאדזשער שולן האבן מיר איינגעפירט דעם „קינדערגארטן”. אין אלע קלאסן זעען מיר דאס גרויסע חשיבות דערפון ס־איז גארנישט אפצושאצן דעם נוצן, וואס אט דאס שיינע ביכל ברענגט הן פארן פארגרינגערן דעם יידיש־לימוד, הן ביים אויפהייטערן די קינדער מיט אקטועל צוגיפאסט ליין־מאטעריאל.

נו, טוט אבער אויף טש־קאווע א פרעג צי דאס ביכל קומט אויך אין אלע אנדערע ב״י־שולן אין די קלאסן אריין. עס איז א חרפה צו רעדן... דאס איז נאר א אפשפיגלונג פון דער אייגנוויוארצלטער טעמפקייט ביי א סך פון אונדזערע ערציער און אונדזערע שול־פירער טראכטן גארנישט ק י עצה דערצו.

זאלן מיינע שורות דערוועקן אביסל דעם גולם א טראכט צו טון, ווי אזוי אויסצובעסערן די אנגיווייטיקטע פראגע און זאל נאך שוין אנדערש ווערן.

# עולם־גיזאנג

לאמיר לערנען אונדזער פאלק

די וועגן פון דער תורה,

מיט דעת, רחמים און תפארת

דיבין אונדזער בורא.

הארכיון היהודי

צו דעת, רחמים און תפארת

עולם, לאמיר שטרעבן,

און מיט ריינקייט און קדושה

פירען יידיש לעבן...

וועט דאס פייער פונים סנה

צווישן יידן ברענען,

וועלן אלע מענטשן זעען

און אלע ג־ט דערקענען.

וועט דאן זיין א סוף צום גלות

צו דער לאנגער נאכט. —

און קומען וועט דער גרויסער טאג

מיט שיינקייט און מיט פראכט.

ב״ה תחלת מרחשון, תרצ״א

אליעזר שינדלער

ארכיון אסופות

אין כפר ישעי׳ שטייט: זה יאמר לד׳ אני — זה יכתוב ידו בשב ד׳ — דאס מיינט מען: ווען מען זאגט, איך גיהער צו די טרעגער פון דער ג־טליכער פאן איז ווייניק — מען מוז מיט א גישריבינים צייכן דאס קענען באווייזן!!!

איר גידענקט אוודאי, וואס איך האב אין מיין ערשטן ארטיק אין בית־יעקב־זשורנאל גישריבן: איך וועל גיין פון שטאט צו שטאט, פון דארף צו דארף און רופן: שאפט שולן! אמת־יידישע שולן! דאס איז שוין באלד דערגרייכט און אצינד דארף מען פאר די קינדער פון די שולן, פארברייטערן די שיינע היים — די בנות־היים און דעריבער בנות־שוועסטער: צו דער חשון־ארבעט צו אונדזער עבודת־הקודש רוף איך אייך!

זאל קיינער נישט פעלן!

אין קומינד קן נומער גיבן מיר א שיינע ליטעראַרישע ארבעט פון שמואל נאדלער

„די מגילה פונים שפיי״

הרב אברהם אייזנבערג

# בילדונג פון מוח און בילדונג פון הארץ

בילדונג דאס איז דאס לעצטע שלאג-ווארט, וואס אימפאנירט און באצויבערט די היינטיקע מענטשהייט. אויפ׳ן מזבח פון בילדונג איז מען מקריב די בעסטע און שענסטע יוגנט יארן. אונדזערע היינטיקע קינדער זענען בשום אופן נישט פון די „מסתפקים במועט", אז זיי זאלן יוצא זיין מיט דעם ענגין און שמאלין פראגראם פון פאלקס - שולן. יעדער יינגער מענטש שטרעבט מיט׳ן גאנצן יוגנטליכן טעמפעראמענט און מסירת-נפש צו וואס מער בילדונג. עס קלינגט שוין ביי היינטיקער צייט גאנץ ווייניק און גארנישט אנציענד, ווען מען האט שוין אפילו א מא-טורע, נאר מען וויל דווקא האבן א דיפלאם און עס וואקסט טאקע פון יאר צו יאר די דיפלאמירטע אינטעליגענץ, וועלכע איז שוין פאראן א צו גרויסע צאל.

א דאנק וויסן און בילדונג איז אויך ברייט פונאנדערגעוואקסן די אלגעמיינע קולטור, ליטעראטור, פילאזאפיע, דיכטונג און פאעזיע. די ביכער-מערק ווערן ממש פארפלייצט מיט ביכער פון וויסנשאפטלעכן און ליטעראַרישן ווערט. אגב איז אויך פאר-שטארקט געווארן די ליבעראלע, פראגרעסיווע און דעמאקראטישע טעאריעס. אומעטום, אין אלע לענדער ווערט גישאלט און גי-טרומייטערט וועגן רעכט, יושר און גלייכהייט – אויב אזוי דאכט זיך האט די מענטשהייט גידארפט שטיין אויפ׳ן העכסטן שטאפל פון איידלקייט, ריינקייט און מענטשלעכקייט. אויף די ברייטע און גרויסע וועלט האט גידארפט פארשוואונדן יעדע שנאה פון פאלק צו פאלק, פון מענטש צו מענטש און פון קלאס צו קלאס. אלע מענטשן-משפחות האבן גידארפט זיך צו פאראייניקן אין א זיסן אידילישן הארמאנישן צוזאמענלעבן, ווייל וואס דען איז אזוינס בילדונג, קולטור, קונסט און ליטעראטור, אויב נישט דעם מענטשן העכער, בעסער און שענער צו מאכן?

וואס זעען מיר ליידער אין דער ווירקלעכקייט? די מענטשהייט זינקט און פאלט, זיטלעך און מאראליש, אונטערדריקונג און פאר-פאלגונג הערשט צווישן פעלקער, מענטשן און קלאסן. עס איז טרויע-ריג, אבער דאך איז א פאקט, אז אממייסטנס אנפאלן און עקסצעסן, אין וועלכן לאנד עס זאל נישט זיין, קומט עס נאר פון דער שטו-דירנדער יוגנט.

עס איז א זעלבסטפארשטענדלעכע און נאטירלעכע זאך, אז עס קען קיינער נישט זיין קעגן בילדונג, אלס נויטווענדיקייט, אלס גיברויך פאר דעם טאג-טעגלעכן מענטשלעכן לעבנס-קיום. מיר אבער, אלס קינדער פון אייביקן יידישן פאלק קענען בשום אופן נישט באטראכטן די בילדונג און וועלט-קולטור אלס מיטל צו רייניקן און פארשענערן דעם מענטש. די וועלטלעכע תורות זענען נישט מער און נישט ווינציקער ווי בילדונג פון קאפ און מוח, זיי קאנען אבער נישט איינהאלטן דעם דראנג פון די נישט ריינע אינסטינקטן, וועלכע ס-שטאמען פון מענטשלעכן הארץ.

קולטור, קונסט, דיכטונג, מעגן זיי זיין די שאפונגען פון די גרעסטע דענקער, דיכטער און פילאזאפן, קענען זיי נישט מיט פאפירענע פראגראמען זיך א וועקשטעלן, אויסשטודירן און אויס-בילדן א אידעאלע מענטשהייט אין העכערן און שענערן זין פון ווארט.

אונדזער הימלישע און ג-טלעכע תורה, מיט וועלכע דאס יידישע פאלק לעבט און אטעמט אין משך פון טויזנטער יארן. די מצוות-השם זיי זענען אבער יא, דידאזיקע וואס דרינגען אריין אין די טיפסטע טיפענישן פון מענטשלעכן הארץ. רייניקן און היילקן אלע גיהיימע ווינקעלעך און קעמערלעך, אין וועלכע עס פאר-באגן זיך די נידריקסטע מענטשלעכע אינסטינקטן, די חי׳ שבאדם, די תורת-השם מיט אירע „דרכי נועם" בילדן און שטודירן אויס אין מענטשלעכן הארץ, די איידלסטע און ריינסטע סטרונעס פון גוטסקייט, איידלקייט און מענטשן-ליבע.

אונדזער אש-דת מיט אירע לייכטנדע שטראלן לאזן נישט דעם מענטשן פארבלאנדזשעט ווערן אין די פינסטערע שאטנס פון אייגינים עגאאיסטישן „איך", ווייל שטענדיק טוט די תורה מיט אירע מצוות, חוקים ומשפטים אים באגלייטן און אן אויפ-הער, טוט זי דעם מענטשן וועקן און רופן: א י ך!

עס איז כדאי זיך אפצושטעלן אויף אייניקע מצוות, וועלכע זענען ספעציעל באשטימט אויף אויסצובילדן דאס מענטשלעכע הארץ. „דו זאלסט נישט פיינט האבן דיין ברודער אין הארץ" אדער די מצוות „לא תקום ולא תטור" ווי זייער מיין איז, אז ווען דיין יידישער ברודער בעט ביי דיר די זעלבע טובה, וואס דו האסט ביי אים פריער גיבעטן און ער האט דאס דיר קאטעגאריש אפ-גיזאגט, איז אויסער דעם וואס דו ביסט מחויב דיין ברודער-ס בקשה פינקטלעך צו ערפילן, טאר זיך אין דיין הארץ נישט פארבארגן קיין שאטן פון פארדרוס און פיינטשאפט. דו מוזט פון דיין הארץ אויסרייסן יעדן ביינזן אדער שלעכטן גיפיל פאר דיין ברודער-ס שלעכטקייט און פאראראבנקייט.

די ג-טליכע תורה איז דער איינציקער מקור מים חיים, וועלכע נייטיקט זיך אין מענטשלעכן הארץ „רחמנא לבא בעי". אייביק און שטענדיק זענען דורכגינומען אונדזערע תפלות מיט דער היי-סער בקשה: „וטהר לבנו".

* * *

ביז דער לעצטער צייט איידער עס איז גישאפן גיווארן דער „בית יעקב" גידאנק, האבן אונדזערע טעכטער שטודירט, אלץ גילערנט, אלץ גילייענט, זיי האבן שווער גיארבעט אויף בילדונג, עס איז אבער פאר זיי גיווען לגמרי פרעמד און פארשלאסן די רייכע תורה-אוצרות. עס האט גיפעלט א ריין יידיש-הארץ, וואס זאל זיך קענען שטאלץ אויפשטעלן קעגן דעם שטראם און דראנג פון די אלערליי גיפילן.

פאר אונדזערע טעכטער איז אונדזער תורה גיווען ווי א פארחתמעט ספר. פארדאס זענען זיי מיט זייערע נשמות, טראכטן און דענ-קען גיווען איבערגיגעבן דאס טרוקענע מוח-בילדונג. עס האט ביי זיי גיפעלט דאס יידישע ליכטיקע „לב טהור".

דער בית-יעקב אידעאל האט ערשט דערוועקט אין די הערצער פון די יידישע טעכטער, די מוטערס און ערציערינס פון אונדזער דור-העתיד. דעם ציל: וויבערע פארפאלקאמונג און שטרעבונג צו שלמות, צו בילדונג פון מוח און בילדונג פון הארץ, און דאס איז טאקע די גרויסקייט פונים גישעניש אין דער יידישער וועלט!


האסטו שוין גיזעען

דאס נייע אינטערעסאנטע

ל י נ ב י כ ל

פאר קינדער

און יוגנט?

# „די קלוגע פרוי בויט איר הויז"

פון **שמואל אסטערזעצער**, דיסבורג

**אז** די פרוי, און באַזונדער די יידישע פרוי, האָט גרויסע און וויכטיקע אויפגאַבן אין לעבן, איז קיינמאָל קיין ספק נישט גיוועזן. מ-האָט אפילו אויך גיוואוסט, אַז די אויפגאַבן, וועלכע די פרוי האָט צו ערפילן, זענין נישט ווייניקער נייטיק און נישט ווייניקער וויכטיק פאַרן לעבן און פאַרן יידישקייט, ווי די אויפגאַבן, וועלכע דער מאַן ערפילט, נאָר אַז זיי זענין אָפט אַ סך העכער און איידלער, גרעסער און גייסטיקער. מ-האָט אויך גיוואוסט, אַז זיי פאָדערן פון דער פרוי גרויס מסירת נפש און גרויסע קרבנות, זעעלישע און פיזישע, אויב זי וויל זיי גאַנץ און בשלמות-דיק ערפילן. און פינדעסטוועגן, האָבן באַזונדער די מזרח-יידן אַ זייער, זייער לאַנגע צייט זיך נישט אינטערעסירט פאַר דעם ענין און זיך נישט עוסק גיוועזן אין זייערע שאלות: ווי זיי צו באַשטימען און אָבצוגרעניצן. און דער עיקר האָט מען פארגעסן צו זאָרגן, ווי אַזוי דאָס יינגע דור פאַר די גרויסע אויפגאַבן, וואָס וואַרטן אויף זיי, מחנך צו זיין, ווי אַזוי זיי פאַר דער קומינדיקער אַרביט צוצוגרייטן, אַז זיי זאָלן זיין פעסט און שטאַרק אין דער שעה, ווען אָט די לעבנס-אויפגאַבן וועלן צו זיי קומען מיט דער קאַטעגאָרישער פאָדערונג. „מיר ווילן ערפילט ווערן!"

מיר ווילן דאָ נישט רעדן וועגן די סיבות פון דעם פאַקט, בכלל ווילן מיר פון דעם טרויעריקן עבר אַצינד נישט רעדן. מיר ווילן ליבער אַצינד דעם גרויסן בית-יעקב ווערק, אַלע זיינע איניציאַטאָרן און אַלע מיטאַרביטער און נישט צולעצט דעם חשובן בית-יעקב זשורנאַל, האַרציק דאַנקן, פאַר זייער אַרביט אויף דעם גיביט און פאַר זיירע לייסטונגען. אין דער פאַרהעלטניסמעסיק קורצער צייט איז זיי גילונגען דעם חינוך-הבנות אויף אַ בכבודן און גיהעריקן שטייגער אַוועקצושטעלן. ס-איז זיי גילונגען דעם ברייטן יידישן עולם פאַר דעם ענין צו אינטערעסירן, און דער עיקר, אַ סך פון אונדזערע גדולים, וועלכע האָבן ביז אַצינד פון חנוך-הבנות נישט גיוואָלט הערן און גידענקען, צו אַן אַקטיווער אַרביט אין אַלע שאלות און פּראָבלעמען אויף דעם גיביט צו באַוועגן. דער בית-יעקב קען אַצינד אויפ-ן עבר מיט צופרידנקייט צוריקקוקן און באַפרידיקט פעסטשטעלן: „לא לריק יגעתי ולא לתהו כחי כליתי"! זייט דעם קיום פונים בית-יעקב האָט דער חנוך-הבנות פעסטע פאָרמען אָנגענומען, און דאָס יידישע מיידל ווערט סיסטעמאַטיש ערצויגן און צוגיגרייט פאַר אירע אויפגאַבן אין לעבן; זי ווערט שטאַרק גימאַכט קעגן די כוואַלעס פונים „צייט-גייסט", וועלכע ווילן דאָס יידישע שיפל פאַרשלודערן און ס-וועט, איר אי"ה גילונגען, אירע אויפגאַבן גאַנץ און בשלמות-דיק צו ערפילן.

וועלכע זענין אָבער די אויפגאַבן, וואָס די יידישע פרוי האָט אין לעבן צו ערפילן?

איך וויל פרואוון אַ טייל פון די אויפגאַבן, לויטן פאַרבילד פון דער יידישער פרוי אין תנ"ך, לויט דער יידישער גישיכטע, דאָ באַשטימען.

מיר ווייסן, אַז די תורה הקדושה האָט נישט גיוואָלט אַן היסטאָריע אָדער גאָר מאָנאָגראַפיעס פון איינצלנע מענטשן פאַר דער אייביקייט איבערגעבן. ס-איז יעדן קלאָר, אַז איר תכלית איז, דעם מענטשן צו בעסערן און אים איבער זיינע פליכטן און אויפגאַבן צו באַלערינען. אויך די דערציילונגען פון דער תורה האָבן דעם זעלבן צוועק און דאָס זעלבע ציל: אונדז, אונדזערע אבות ואמהות, אונדזערע גרויסע מענטשן פאָרצושטעלן, כדי מיר זאָלן פון זיי לערינען, ווי מיר זאָלן אונדזער חוב אויף דער וועלט ערפילן, ווי מיר זאָלן אונדזער כאַראַקטער און אונדזערע מדות אויסבילדן און ווי דאָס לעבן ריכטיק אויסצוניצן. די תורה שטעלט אונדז נישט פאַר קיין מלאכים, נאָר פשוטע מענטשן מיט מענטשלעכע שוואַכקייטן, מיט מענטשלעכע פעלערס און מיט אַ מענטשלעכן יצר הרע און ווייזט אונדז, ווי אָט אַ די מענטשן האָבן פאַרשטאַנען זייער חוב ריכטיק אויסצוניצן און מיר זאָלן פון זייערע מדות לערינען.

און ווען מיר פרואוון טיפער אין דעם כאַראַקטער און אין די מדות און מעשים פון אונדזערע פרויען פונים תנ"ך אַריינצוקוקן גיפינין מיר, אַז די תורה האָט אונדז דורך זיי גאַנץ גינוי די אויפגאַבן פון דער יידישער פרוי באַצייכנט.

מיר ווילן פרואוון דעם אויפגאַבן-קאָמפּלעקס איינצוטיילן אין: אויפגאַבן קייגן עבר אָדער דעם פריערדיקן דור, אויפגאַבן פאַרן הוה אָדער דעם איצטיקן דור, און אויפגאַבן פאַרן עתיד אָדער דעם קומינדיקן דור.

## די אויפגאַבן אַ קייגן עבר

חכמות נשים בנתה ביתה (משלי י"ד

**פון** אונדזער מוטער רחל ווערט אונדז אין דער תורה דערציילט, אַז ביים אַוועקגיין פון איר פאָטער האָט זי די תרפים מיטגינומען. דער מדרש זאָגט דערצו: רחל האָט זיך גיזאָגט „מה אנא איזיל ואשבוק הדין סבא בקלקולא", ווי קען איך אַוועקגיין און איבערלאָזן דעם אַלטן מיט זיין זינד (עבודה-זרה)? אָט דאָ האָבן מיר די אויפגאַבע פון דער יידישער טאָכטער. נישט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַרן פאָטער זאָרגט זי. איר אויפגאַבע איז, אפילו די עלטערן צו בעסערן און זיי פונים חטא מורחק צו זיין. זי האָט אָבער נישט נאָר דעם חוב, נאָר זי האָט אויך דעם כח איבער די עלטערן. זי קען, ווען זי וויל, דאָס גאַנצע עלטערן-הויז נאָך איר אידעאַל איבערבויען. יאָ, די „טאָכטער" האָט אפילו זייער אָפט מער כח ביי די עלטערן, ווי די „פרוי" אָדער די „מ. טער" ביים מאַן און ביי די קינדער. אַם בעסטן קען מען עס זעען אין מערב אייראָפּע ווי שטאַרק דער כח פון די קינדער אַ קייגן די עלטערן איז. אין דייטשלאַנד למשל, איז דאָס היינט קיין שום נייעס נישט מער, אַז אַ קינד דורך דער השפעה פון אַ פרומער שול אָדער אַ פרומער סביבה, איז משפיע אויפן גאַנצן עלטערן-הויז און מאַכט עס פרום. ס-איז אויך פסיכאָלאָגיש צו פאַרשטיין, ווען דאָס קינד באַקומט דעם מוט די עלטערן צו זאָגן, אַז ס-וועט נישט מער עסן אינדערהיים, ווען די עלטערן וועלן נישט אָנהייבן צו האַלטן שבת און יום-טוב ווי עס דאַרף צו זיין, מוזן די עלטערן שוין פאַר בושה, וואָס זיי שעמען זיך פאַר זיירע אייגינע קינדער, נאָכגעבן. ומתוך שלא לשמה בא לשמה. דער פראָצעס גייט אפילו אָפט אָן רייבונגען און אויפרעגונג אַדורך. דערביי טאָר מען נישט פאַרגעסן, אַז די טאָכטער האָט זייער אַפט מער השפעה אויף די עלטערן ווי דער זון.

אָט די ווערטער פון רחל-ן „מה אני אזיל..." מוזן פאַר יעדער יידישער „טאָכטער" אַ הייליקער יסוד זיין און זי מוז דאָס פאַר איינע פון אירע לעבנס-אויפגאַבן באַטראַכטן. און נישט נאָר ווי ס-האַנדלט זיך אין שווערע זאַכן, (וועלכע קומען ס-רוב נאָר פאַר אין מערב-אייראָפּע) נאָר אפילו אין אַ סך קלענערע זאַכן, אויב זי זעט, אַז אין איר עלטערן-הויז פירט זיך נישט אַזוי ווי ס-דאַרף נאָך דעם ייד. אידעאַל צו זיין, מוז זי זיך מי געבן אויף וויפיל זי קען די פעלער אויסצובעסערן. „די קלוגע פרוי בויט איר הויז" דאָס איז אָבער נאָר אַ קליינער טייל פון אירע אויפגאַבן.

(ווייטער -- זע ב"י נומער 60)

# א נזיר צו ג—ט

(אידיליע לויט דער אגדה)

גרויס דאָס פעלד, גאָלד די זאַנגען.
הימלען לויטערע, העלע פאַרהאַנגען
גראָזן טיפע, לאַנגע, גרינע
אַלץ צוזאַמען—אַ קיסר-ינע.
פונדערוויַטנס, בוים און וואַלד
פול מיט שאָטן, זיס און קאַלט
און אינמיטן ברענט אַ זון
פול מיט פייער, פול מיט ליכט
ביי די זייטן טיף און וויַט
שטייען פאַלמען, גרויס און ברייט
און צופוסינס קוקן אַרויס
די ליבע פענצטער פון טאַטנס הויז.

*

קליינע שעפּסעלעך, פריש און יונג.
ווי גיוואַשן און אָפּגיטונקט
ברוינע קעלבלעך פול מיט פרייד
נאָר צום לעבן אָנגיבריַיט
אַלטע קי, פולע אייטערס
אייזלין אויך פאַר מענטשן רייַטערס
אַלע צוזאַמען, טריט ביי טריט
שלינגט מיט חשק און אַפּעטיט
יעדעס גרעזל, יעדעס בלומל
אַלץ וואָס נאָר אַנטקייגן הימל.

*

נעבן וואַלד אין אַ ווינקל
ווי קיל די לופט העל און טונקל
ווייך דאָס אָרט, גוט גיבעט
פלוש די גראָזן, צאַרט ווי סאַמיט
שטיל גיזעסן און גילעגן
ווי פאַרחלום-טע שוואַרצע אויגן.
דאָס גיזיכט פול מיט חן
באַקן ראָזע, קלאָר און ריין
שיין גיקרייַזלט לאַנגע האָר
ווי שנירלעך פערל-פאות אַ פּאָר.
ליפּן רויטע, ווי מיט זייד
וויַסע ציין, וואָס לייַכטן ווייַט
און אַ קערפּער הויך און שלאַנק
מיט אַ ליבן שיינים גאַנג
דער גאַנצער מענטש, גאָר אַ יופי
דאָס איז דער פּאַסטוך פון די פּי.

*

טאָג נאָך טאָג
אָן זאָרג, אָן פּלאָג
פון פרימאָרגן זון אויפשיַין
אויף די גראָזן נאָך טוי ווי טראָפּנס וויַין
ביז אַ שטיק אין די רויקע נאַכט
אַליין, אַליין האָט ער פאַרבראַכט
און גיפּאַשיט זיַין פאַטערס סטאַדע
איבער די פעלדער פון יהודה.
און וואָס אַ טאָג אַלץ מער
זיין פנים גילויכטן אָן אויפהער
זייַנע האָר גיפינקלט העל און שיין
זייַנע לאָקן ווי פון זילבער גיוועָן.

*

אַלע מאָל אין אָנפאַנגס נאַכט
ווען אַלץ אַרום איז פול מיט פּראַכט
פלעגן דאָרט שפּאַצירן גיין
ציונ-ס טעכטער, זיי גינגאָלד שיין
די לבנה האָט גאָלד גישיקט
און די גראָזן האָבן זיך גיוויגט
הימלען זילבער, ריין און קלאָר
בוימער ליכטיק ביז גאָר
און די שעפּסן רויק שטיל
מיט די בהמות זייער פיל
שטיל גיגעסן און גישלונגען
אויך גיטאַנצט און גיזונגען
פלעגן זיי ציונ-ס טעכטער
זיך פאַרקוקן אויפן יונגען וועכטער
אויף דעם פּאַסטוך פון דאָרט
וואָס איז גיזעסן אויף אַ אָרט
מיט דעם פנים צו דעם הימל
מיט שיינע לאָקן, ווי אַ בלימל
ווי צוגישמידט זענען זיי גישטאַנען
נישט וויסנדיק וואו, און פון וואַנען
און אָן אויפהער זיך פאַרקוקט,
אויף די קרייזן שטאַרק גיבליקט
אויף די פאות, סאַמיט שוואַרצע
מיט די לאָקן זייד און צאַרטע
און מיט בענקשאַפט אין דער שטיל
יעדע איינע, איין גיפיל

*

קוים גימורמעלט, קוים גיזאָגט
וואָס זי וויל, וואָס איר נאָגט
אַזוי כסדר אַלע מאָל
אין די אָוונטן דאָרט אין טאָל
פלעגן זיי פון דער וויַט
זיך שפּיגלען, קוקן אויף די זייד
אויף די וואונדער שיינע האָר
אויף די סאַמעט-פאות-פּאָר.

*

נאָנט צום וועלדל, פון דער רעכטער זייַט
פון דער סטאַדע אויך נישט וויַט
שטיל גישלענגלט און גיצויגן
ריכטיק ווי אַ רעגן-בויגן
כוואַלעס זילבער, כוואַלעס קרישטאָל
אָן אַ שיעור, אָן אַ צאָל
פון דעם קליינעם ראַזן טייַך,
וואָס האָט גיפליסקעט טיף און גליַיך.
צוועלף דעם זייגער, אַלע טאָג
ווען שטאַרק די היץ, גרויס די פּלאָג
פלעגט די סטאַדע אַלע צוזאַמען
יונג און אַלט אָן אויסנאַמען
ביי דעם וואַסער דאָרט פאַרברענגען
וזער מיט באָדן, ווער מיט שפּרינגען
און דער פּאַסטוך נישט וויַט פון וואַסער
פלעגט דאָרט זיצן אַ רויטלעך בלאַסער
אויף זיין סטאַדע גוט בליקן—
ס-זאָל זיי דער וואַסער נישט פאַרציקן
און ווען גיענדיקט האָט זיך אַ שעה
פלעגט ער ציילן, צי אַלע זענען דאָ.
און גליַיך מיט זיי צוריק גיין
אויף דעם אָרט ווי פריער גיוועזן.

*

איינמאָל האָט זיך ריכטיק גיטראָפן
די גאַנצע סטאַדע איז זיך צולאָפן
נאָר דער פּאַסטוך איז גיבליבן אַליין
נעבן די וואַסער, לויטער און ריין
פּלוצים האָט ער אַ בילד גיזעען
אין דעם וואַסער, וואונדער שיין
קאַרשן צוויי—שוואַרצע אויגן
מיט ברעמען שיינע גוט פאַרבויגן
ראָזע באַקן מיט אַ צאַרטן חן
ליפּן פּורפּור, וויַסע ציין
און איבערן קאָפּ, ווי אַ הימליש קינד
לאָקן שוואַרצע, עס וויגן זיך גישווינד
פאות גיקרייזלט, לאַנגע קרייזן
ווי שנירלעך פערל, די טייַערסטע פּרייזן
און נאָך און נאָך האָט ער גיזעען
וואונדער, וואונדער, נישט צו פאַרשטיין
אַז דאָס גיזיכט, שיין און מילד
אַז נישט קיין אַנדערס, נאָר זיין אייגן בילד...
דורכגילאָפן איז אים אַ גידאַנק
אַלעס, אַלעס, טוט אים באַנג.
נאָך וואָס אַ פּאַסטוך, נאָך וואָס אַליין
נאָך וואָס די סטאַדע, נאָך וואָס דעם פליין?
און דעם וואַלד מיט דעם גראָז
אַלעס, אַלעס אַלץ נאָך וואָס?
בעסער מיט מיין שיינקייט פון דאָ אַוועק
אויף גאָר אַן-אַנדער, אַנדער וועג
די שענסטע טעכטער, פון אונדזער לאַנד
וועלן מיר שטרעקן זייער האַנט
און מיר אין די רייַכסטע טאַלאַצן לאָזן זיין
מיט פיל תענוגים און גוטן וויַין
דאָרט וועלן מייַנע לאָקן הערצער פאַנגען
ווי די זיסטע שיינע גיזאַנגען.
נאָך און נאָך האָט ער גיטראַכט
וועגן זיין שיינקייט און גרויסע מאַכט.
ביז... פּלוצים איז ער בלייך גיוואָרן
פון זיַין גיזיכט האָט זיך באַוויזן אַ צאָרן
פון זייַנע אויגן, ווי בריליאַנטן צוויי
הייסע טרערן, מיט אַ שטאַרק גישריי:
—„רשע! דו שלעכטער יצר הרע
וואָס האַלסט זיך גרויס מיט דיין עבודה זרה?!
דאָ איבער מיר אויפן פעלד
אויף גאָר אַ פרעמדע. נישט דייַנע וועלט"!..
איך שווער! מייַנע שענסטע לאָקן מיט כוונה
פאַר ג—ט וועל איך ברענגען אַ מתנה".
ווי דאָס אָבגיזאָגט איז ער אַנטשוויגן
פון זיין הארץ האָט זיך אַ הייליקער ציטער
אַרויסגיקריגן.
אויף דער טייַך איז שטיל גיבליבן
פאַר זייַן פּאַסטוך גאָר דעם ליבן
און שטיל גישוועבט, האָט אין רוים
איבער פעלד, איבער בוים
די שבועה, וואָס דער פּאַסטוך האָט
גישוואוירן
אַ נזיר צו ג—ט, צו ווערן...

**ג. גורא**



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 059 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 9 מתוך 20

# פון חודש צו חודש

* די נייע אָרטאָדאָקסישע אָרטאָגראפיע האָט געפונען א טיפן און ברייטן אָפּקלאַנג אין דער אָרטאָדאָקסישער ליטעראַרישער וועלט. כּמעט די חשובסטע און טעטיקסטע שרייבער אין אונדזער משפחה שרייבן שוין אַלע מיט דעם נייעם טראַדיציאָנעלן און פּראַקטישן אויסלייג. ביכער און שריפטן וואָס וועלן געדרוקט ווערן פאַר „בית יעקב" וועלן איבערהויפּט שוין נישט אַנדערש זיין ווי מיטן נייעם אויסלייג, ווייל אין אַלע בית-יעקב-שולן איז דער אויסלייג א געשענער פאַקט. מיר באַקומען אויך פיל בריוו פון לערערנס, וואָס ווייזן אָן אויף די גרויסע מעלות וואָס עס האָט דער נייער אויסלייג ביים אויסלערנען יידיש שרייבן און לייענען. אַז מ׳גיט דעם קינד די הויפּט-כללים פון נייעם אויסלייג און מ׳ווייזט אויך אָן, אַז דער עיקר-יסוד איז, אַז מען שרייבט ווי מען רעדט, אָריענטירט זיך דאָס קינד גאַנץ לייכט. אין „טאָגבלאַט" פון פרייטיק פ׳ לך איז געווען געדרוקט א גרויסער מאמר פון דר. שלמה בירנבוים וועגן דעמזעלבן ענין א. נ. „טראַדיציע אַקעגן טראַדיציע" דער מאמר האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. דערדאָזיקער מאמר האָט בערך דעם זעלבן תּמצית, וואָס דער מאמר אין אונדזער היינטיקן נומער „פאַרוואָס א נייער אויסלייג" עס איז צו דערוואַרטן אַז בקרוב וועט טאַקע אויך דער „טאָגבלאַט" אָנהייבן דרוקן זיך מיטן נייעם אויסלייג און דאָס איינציקע צענטראַלע אָרטאָדאָקסישע בלאַט וועט זיכער דערמיט פיל מיטווירקן צו שטאַרקן די טראַדיציע אין יידישן לשון.

* זונטיק דעם 16 און זונטיק דעם 23 נאָוועמבער קומען פאָר די וואַלן צום סיים און סענאַט. די אגודה גייט פאַראייניקט אין א בלאָק מיט אַלע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און רעליגיעזע גרופּירונגען און האָט דעם נומער 18. אַלס דער ליסטע-פירער פיגורירט דער באַרימטער פירער פון דער אגודה, פּרעזידענט פון דעם אַלוועלטליכען אגודה פ׳ צ. ר. הרב אהרן לעווין שליט״א (ריישער רב). עס איז צו האָפן אַז אַלע בנות-אָרגאַניזאַציעס וועלן ענערגיש מיטאַרבעטן פאַרן נצחון פון די ליסטע 18.

* אָנהייב היינטיקן חודש האָט זיך אין וויען געעפנט דער נייער בית-יעקב-סעמינאַר. דער סעמינאַר געפינט זיך אין דער דר. קריגער-היים (זע ב״י נומער 57).

* דאָ נישט לאַנג איז אין לאָדזשער „בית-יעקב" פאָרגעקומען א רעפעראַט פון באַקאַנטן געלערנטן הרב שמחה טרייסטמאַן. דער רעפעראַט איז געווען אויף דער טעמא „עסטעטיק ביי יידן און אין יידישקייט". א אריינפיר רעדע האָט געהאַלטן דיר. י. ג. קאַמיענעץ און אַ שלוס-רעדע האָט געהאַלטן רעד. פרידנזאָן. די רעדע פון הרב טרייסטמאַן האָט זייער שטאַרק אויסגענומען ביי דער לערערשאַפט און קינדער.

* דער בתיה-אַמט ביים צ. ס. האָט שוין אָנגעהויבן זיין טעטיקייט און ס׳איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דער ערשטער צירקולאַר וועגן דער אַרבּיט פון די בתיה-פאַרבאַנדן סוף היינטיקן חודש ווערט שוין אויסגעשיקט דאָס חנוכה-פּראָגראַם פאַר די בתיה-פאַרבאַנדן. דער בתיה-אַמט וועט נאָר דערהאַלטן א פאַרבינדונג מיט די פאַרבאַנדן, וואָס וועלן זיין אָנגעשלאָסן אין בתיה-אַמט און אויסקויפן די חברות-לעגיטימאַציעס פאַר די בתיסטקעס.

* דער בית-יעקב לערערן פאַרבאַנד האָט שוין אָנגעהויבן זיין אַרבּיט. עס זענען צוגעשיקט געוואָרן צו אַלע לערערנס א ספּעציעלער צירקולאַר פון דער לייטונג, צוזאַמען מיטן פּראָטאָקאָל און דעם סטאַטוט, און אויך א דעקלעראַציע אונטערצושרייבן. אַלע לערערנס דאַרפן אין זייער אייגענעם אינטערעס באַלד אַריינשיקן זייער אַדרעס צו דער פאַרוויצערין פונים פאַרבאַנד פרל.

סימאַ קלוגער •

די אַדרעס איז:

S. Kliger Łódź Aleksandryjska 13

* דעם היינטיקן חודש ווערט אַלט 60 יאָר, דער באַקאַנטער גרינדער און ערשטער פּרעזידענט פון דער אַלוועלטלעכער אגודה-אָרגאַניזאַציע רבי יעקב ראָזנהיים. אונדזער רעדאַקציע האָט אַרויסגעשיקט א האַרציקסטע באַגריסונג און גאַנץ באַזונדער וועלן מיר אין קומענדיקן נומער ברענגען א גרעסערן מאמר וועגן דערדאָזיקער חשובער פּערזענלעכקייט. ביי דער געלעגנהייט וועלן מיר אויך ברענגען א מאָנאָגראַפיע פון דער מוטער פון ר׳ יעקב ראָזנהיים, שרה ראָזנהיים. די דאָזיקע מאָנאָגראַפיע האָבן מיר נאָך מיט א צייט צוריק באַקומען פון דער פרוי טובא ווערטהיים פון פראַנקפורט.

* דעם פאַרגאַנגענעם חוהמ״ט איז דער חשובער מיטגליד פון טענער-ראַט ביי דער בנות-צענטראַלע ה׳ דוד צבי זילבערשטיין, אַרויסגעטרעטן אויף א פרויען-פאַרזאַמלונג מיט אַ רעפעראַט אין בעלכאַטאָוו. דער רעפעראַט איז אַראָפּ מיט אַ אויסערגעוויינלעכן ערפאָלג.

* פרוי שענירער האָט לעצטנס באַזוכט אַ ריי שטעט און געגרינדעט בית-יעקב-שולן און בנות-אָרגאַניזאַציעס. פרוי שענירער איז אומעטום אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס באַגייסטערונג און אירע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען האָבן געהאַט גאָר א גרויסן ערפאָלג.

* דער צ. ס. האָט פונאַנדערגעשיקט צו אַלע בנות גרופּן דעם אַרבּיט-פּלאַן אויפן חודש חשון. אויך זענען שוין אַרויסגעשיקט געוואָרן די תרומת-חברה-קוויטאַנציעס צו אָרגאַניזאַציעס און עסקנות — די וואָס ווילן נאָך אַזאַלכע באַקומען דאַרפן זיך ווענדן אין צ. ס.

* אויף י״ז—י״ח כּסלו (7—8 גרודזשיען) איז פאַראויסגעזען א קאָנפערענץ פון אַלע בנות-אָרגאַניזאַציעס פון דער לאָדזשער וואָיעוואָדזטווע אין פּאַביאַניץ. פּרטים וועלן נאָך מיטגעטיילט ווערן.

* אין חודש טבת וועלן פאָרקומען איינציקע בנות-קאָנפערענצן אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד. די שטעט וואָס ווילן אַז אין זייערע שטעט זאָלן די קאָנפערענצן פאָרקומען דאַרפן תּיכּף זיך פאַרבינדן מיטן צ. ס.

* אין לאָדזש האָט אויפגעלעבט די אַרבּיט פון די „בנות". עס זענען צוגעקומען נייע גרופּן, פון די תּלמידות וואָס האָבן דאָס פאָריקע יאָר געענדיקט די בית-יעקב-שולן. א טיכטיקע אַרבּיט פירן אויס די חברות וואָס האָבן זיך באַטייליקט אינעם פירערן-קורס אין ראַבקע.

---

## דערהאַלטן געוואָרן אין רעדאַקציע:

1) לידער — שמואל נאַדלער פאַרלאַג „יהדות" קאָלאָמיי, 32 זייט.

2) עולים-בלעטער № 1. רעדאַקטאָרן: דר. שלמה בירנבוים און אליעזר שינדלער, ביילאַגע צום „יידישן וואָרט" אין קאָלאָמיי, — אַ אויספירלעכע רעצענזיע אין קומענדיקן נומער.

---

מיין האַרציקן ברכה-פולן מזל-טוב די טיכטיקע בית-יעקב-עסקנים דער ז. ג. פאַמיליע גוטערמאַן צו דער פאַרלאָבונג פון זייער ליבער טאָכטער און מיין טייער שילערן זיסל מיט ה׳ ראָזנשטרויך (וואַרשא). זאָל השי״ת בענטשן אייער קינד מיט אייביק גליק און בליענדער צוקונפט.

אַלעקסאַנדער — קרוסיע שטערן

---

אַ האַרציקן מזל-טוב ווינטשן מיר אונדזער טייער בית-יעקב-שוועסטער זיסל גוטערמאַן צו איר פאַרלאָבונג מיט ה׳ ליבל ראָזנשטרויך זאָל דיין גליקלעכע צוקונפט זיין באַצירט מיט בלומען פון אונדזער הייליקן אידעאַל.

אַלעקסאַנדער — 4-טער קורס בית יעקב

ארכיון אסופות

# אַלף־בית פון אָרטאָדאָקסישן אויסלייג

## פון ד"ר שלמה בירנבוים

**א** ביי א תנועה אין אָנהייב ווארט אדער טראַף הערט זיך א שוואַכער קלאַנג. אויב די תנועה שרייבט זיך מיט א וואָוו אדער א יוד, ווערט דער קלאַנג איבערגיגעבן מיט אַן־אלף: אומגליק, אומה, אומיסטן, פאַראומערט. אופן, אורחים. אויבס, אויס. איז, אינדיק, אום.

**א** א שטומע אַלף שטעלט זיך צוליב א מחיצה, ס׳זאָלן ניט אויסקומין דריי וואָווין אדער דריי יודין אויף איין מאָל: כ׳וואוין, וואונדער, פרוואוון. יאַייכל.

**אָ** 1) א קורצער קלאַנג: גראָבן, וואָג, טאָג, קאַטאָוויס, אַראָפּ, שלאָפן, האָקן. 2) אַן־אויסגיצויגינער קלאַנג: בלאָ, אָדערן, גלאָז, בראָטן, נאָך (דערנאָך), טאָל, אָן (בלי), מאָס, גאָר.

**א** 1) אַ קורצער קלאַנג: אבער, אדער (או), קאווין, לאזן, אט, גיבראכן, וואלט, דאמב, סאסנע, טאפּ, גישראקן, דארטן, ווארצל, נאך (עוד). 2) אַן־אויסגיצויגינער קלאַנג: גיווארן, הארן.

**אַ** 1) א קורצער קלאַנג: אַז, גלאַט, מאַכן.
2) אַן־אויסגיצויגינער קלאַנג: גראַם, נאַריש.
3) מע קען אויך שרייבן: ביימאַלע, קעפּאַלעך.

## ב ג ד ה

**ו** 1) אין פוילן, אוקריינע אאַ״וו דאַרף מען עס אַרויסרעדן ווי אַ קורצע „י״: אוגערקע. פלוגתא. מוזן. טוץ. קוקן. שטופן. חומש. זומער. פול (מלא). פוטער.
2) אַרויסגירעדט אין פוילן ווי „אַ״ (דארטן), אין אוקריינע אאַ״וו ווי „ע״ (וועט): דורך, קורץ.

**ו** אין פוילן, אוקריינע אאַ״וו דאַרף מען עס אַרויסרעדן ווי אַ לאַנגע „י״: ברודער, דער זון, בשורה, הוסן, גרוב.

*

**וֹ** 1) מע דאַרף עס אַרויסרעדן ווי אַ קורצע „א״ (דארטן): אורחים; אות.
2) אַרויסצורעדן ווי „וי״: אורח, אותיות.

**וו** וואו, וויכוח, וויספע, אוודאי, קאווע, בריוו.

**וֹי** אויך, אזוי, בוים, הויזן, לויט (וואָג), טויב (חרש), לויז („שיטער״), רויט, שוין.

**וי** אויך, ברוין, הויז, לויט (ווערליג), טויב (פויגל), לויז (כנים), מויער, פויק.

## ז. זש. ח.

**ט** האַנט, וואַנט, הונט (ווייל מע זאָגט: הענטל, ווענטל, הינטל. אבער: לאַנד, קינד, ווייל מע זאָגט: לענדער, קינדער).

**י** יאַטקע, יבשה. ייד, יינגל, יאָרן.

**י** קורץ: איבער, ציבור, ווידער, איז, מיט, פ׳בין, יינגל, וויסן, שפיץ, טיש, ברית, גיסטו (געבן, געסטו).

**י** הי, מי, ליב, ייד, ליד, שטיוול, היטן, שיך, מיל, די בין, פיר (4), פירן (נהג), גיסטו (גיסן).

**י** א קורצע תנועה, אין רוב דיאַלעקטן גיראָטן אין א „י״: א) גיזאָגט, גיכאַפּט. ב) ער פראַוויט, הרגיט. ג) קומין, סמין, זענין, ריינים, זינגין, בענקין, הימלין, שטאַמלין, רויען, בויען, קייען, גייען. ד) אייִדים, בעזים. ה) ווייטיג, זונטיג, עליף, באַרוויס, עפּיס.

**ײ** זיי, דריי, צווייג, גרייז. טייטל (צו ווייזן) רייך, הייליק (ציין), ריין (טאָפּ), ביין (9), שיין (ליכט), ווייס (קאָליר), פייקל.

**ײַ** זיי (זאָלסט זייען), צוויי, היי, טייטל (פּרי), הייליק (קדוש), ריין (טהור), ניין (לא), שיין (יפה), כ׳ווייס.

## כ ך ל לי מ ם נ ן ני ס

**ע** עוולה, עולם.

**ע** קורץ: בעט (צום שלאָפן), סערפּ, מענטש, קעץ, ווערטל.

**ע** אויסגיצויגן: עבן, רעדל, כ׳בעט (בקשה), הערן, ווערט (ראוי).

**ע** א קורצע תנועה, אין רוב דיאַלעקטן גיראָטן אין א „י״: איך פראַווע, טענע, ב) גרויסע, שיינע, גוטע.

**ע** א קורצע תנועה, אין רוב דיאַלעקטן גיראָטן אין א „ע״: א) גרויסער, גוטער, מענער, האמער, שניידער. ב) הינטלעך. גליקלעך. נעבעך, פאַסטעך.

## פּ פֿ צ ץ

**ק** אויך ביים אויסלאָז יק: לעבידיק.

## ר ש שׂ תּ ת

ביי ווערטער פון לשון־קודשן אָפּשטאַם, שטעלט מען די נקודה פון דער גיקוועטשטער הברה: בטל, מאמר, אויב מע דאַרף, אויך פון דער הברה פאַר איר: הנחה גדולה.

אַנט, בא, פאַר, צו: אַנטלויפן, באַקומין, פאַרקויפן, צוטרייבן.

קיין שטומע עיינס זענין נישטאָ: זאָגן, הימל.

אויך ניט קיין שטומע היאין: פאָרן, פורן, פירן, אָן, מאָן, צאָל, רו, טון.

בכלל ניט קיין שטומע אותיות: שטאָט, רעט, אייביקייט. אונדז, העלדזל, פענצטער אאַ״וו.

מע שרייבט ווערטער נישט צוזאַמין: אין גאַנצן, אאַ״וו.

מע בינט צונויף ווערטער מיט אַ מקף, מזל־טוב, שטאָט־זייגער.

ביים שרייבן בלייבט בּ, פּ אָן אַ דגוש,
און ב, פ קומין מיט אַ רפה: ב, פ — בֿ, פֿ.

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
ŁÓDŹ, Listopad 1930
„BAJS JAKOW"

Cena 1 Zł.
P.K.O. 67.795

Rok VIII zeszyt 2 (59)
Adres Red. „Bajs Jakow"
Łódź, Limanowskiego 26.
Telefon 109-77.

שוין אַרויס פון דרוק אַ העכסט אינטערעסאַנטע בראָשור אין פויליש:

**Rabin ARON LEWIN**

# „BAJS JAKOW"

Przemówienie wygłoszone przy uroczystości z okazji położenia kamienia węgielnego pod budowę ortodoksyjnego Seminarjum nauczycielskiego dla szkół „Bajs Jakow".

— פרייז 50 גר. —

— 10 עקז. נאָר 4.00 זל. —

אָן געלט ווערט נישט גישיקט! — געלט-שיקן P.K.O. 67.795

ברכת מז"ט חמה מקורות לבנו לחברנו הנכבד מיסד ומנהל ה„בית יעקב" בעירנו מר צבי מארגנשטרן נ"י את העלמה מרת ביילה עפשטיין מנויארק. יהי' רעווא שקרני שמש הב"י יאירו אל תוך פנת ביתו העתידה ויזרח מזלו כשמש בצהרים.

ועד ה„בית יעקב" בווירזבניק

---

מעבר האקיני הנני שולח ברכתי ברכת מז"ט למכפי יו"ר צא"י בווירזבניק מר צבי מארגנ-שטרן לאירושו את העלמה מרת ביילה עפשטיין מנוי-יארק בת אדמו"ר מאזיוב, תהי דרכך בהצלחה רבה לטובת היהדות החרדית.

דעטרויט-אמעריקה חברך צבי טננבום שו"ב

---

די ב"י שילעריגס אין וויעזשבניק, ווינטשן א הארציקן מז"ט דעם גרינדער און פרעזעס פון דער דאָרטיקער ב"י שול ה' צבי מאָרגנשטערן — צו זיין תנאים.

---

## אכטונג

אַנאָנסן אָן געלט פריעראויס ווערן אין קיין פאַל נישט גידרוקט און עס ווערט גאָר נישט גיענפערט.ביים שיקן אַ אַנאָנס מוז מען גלייכצייטיק מיטשיקן מינדעסטנס 3 זל. דאָס וואָס וועט צו-קומין ווערט גימאַכט שפעטער בריפלעך.

די אַדמיניסטראַציע

---

א אויפריכטיקן דאנק גיב איך אלע מיינע שילערנס און באַקאַנטע, וואָס האָבן מיר צוגישיקט באַגריסונגין צום נייעם יאָר.

קראָקא ב. צ. גראָס

---

א הארציקן יישר-כח גיב איך אלע שולן, שילערנס, בנות-חברות, וואָס האָבן מיר צוגישיקט לשנה-טובה ווינטשן.

שרה שענירער

---

א הארציקן מזל-טוב ווינטשן מיר צו זייערע פאַרלאָבונגין ה' גיליבטער (ראַדאָם) מיט פרל. יאַנאָווער (זוואלין) אונדזער גיוועזענע לערערן פרל. ווראצלאווסקא (לוטאָמאָוו) מיט ה' זיבגער (בלאַשקי) פרל. לאַנדא (ראַדאָם) מיט ה' מאָר-גנשטערן.

דאָס אויפגייענדע ליכט פון „בית יעקב" זאָל שיינען אויף אייער צוזאַמינבונד!

ראַדאָם פאַמיליע יאַנאָווסקי

---

מיר ווינטשן א גליקלעכן מזל-טוב אונדזער פריינדין רחל הערשבערג צו איר פאַרלאָבונג מיט ה' ראָש (פשעדבאָרזש).

לאָדזש רחל מילשטיין און צבי' מארטנפעלד

---

ברכתנו ברכת מז"ט חמה נתונה בזה לעוזרנו הנכבד העסקן הנעלה מר צבי מורגנשטרן מעיר ווירזבניק לאירושו.

מערכת „בית יעקב" לודז
ידידו א. ג. פרידנזון

---

א הארציקן מזל-טוב ווינטשן מיר אונדזערע בנות-שוועסטערן פרל. אַבראַמזאָן צו דער חתונה מיט ה' ליפשיץ און פרל. לאַנדא צו דער פאַרלאָבונג מיט ה' דימאַנט פון קעלץ. זאָל אייער לעבנס-וועג מיט הימלישן גליק באַצירט זיין.

פשעדבאָרזש בנות אגודת ישראל

---

צו דער חתונה פון דער חשובער פיאָנערן פון דער בנות-באַוועגונג פעסע שייער מיט ה' גוטמאַרגן, שיק איך מיין הארציקסטן ברכה-פולן מזל-טוב פיינאַנד מיט-ן ווינטש פון א בליענדען עתיד.

זד.-וואָלא חוה רחל ווינגאָט

---

אונדזער אידעען-שוועסטער פון „בנות אגודת ישראל" פרל. נעמי שאַפראַן (ווישקאָוו) ווינטשן מיר א הערצלעכן מזל-טוב צו איר חתונה מיט ה' יעקב אַלטמאַן (נאַשעלסק). איר זאָלט זוכה זיין צו בויען אייער צוקונפט אין גייסט פון אונדזער אידעאַל אויף די הייליקע בערג פון ציון.

ווישקאָוו לערערן מרים טויבע
בנות-אגודת-ישראל
פיפּפּפּ קורס בית-יעקב

---

א הארציקן מזל-טוב און א [illegible] נחת ווינטש איך מיינע גוטע פריינט די ג. פאַמיליע ערליך צו דער פאַרלאָבונג פון זייער זון.

יאַראָסלאַוו [illegible]גא ראָטנבערג

---

א הערצליכן מזל-טוב ווינטשן מ[illegible] מורי אונדזערע בנות-שוועסטער פרל. גיטל שטאַרקמאַן און פרל. גיטל ראַוועט צו זייער חתונה, ווי אויך אונדזער פיל גיאַכטעטער פירערן רויזא אויערבאַך צו איר פאַרלאָבונג. זייער צוקונפט זאָל גיבויט ווערן אין גייסט פון די הייליקע תורה-אידעאַלן.

לאָדזש למודי-קודש גרופע ביי „בא"י

---

דעם טיפסטן מיטגיפיל דרוקן מיר אויס אונדזערע מיטגלידערין ה"ה גישוויסטער צפורה און בינה באַקמאַן צום פריצייטיקן טויט פון זייער פאָטער ע"ה, אין דער ארבייט פאַר אונדזער אידעאַל זאָלן זיי זייער טרייסט גיפונין.

יאַנאָוו-לוב. „בנות אגודת ישראל"

---

צו דער חתונה פון אונדזער גישעצטע גרינדערן און פאָרזיצענדערן פון „בנות אגודת ישראל" ברכה גאָלדשלאַק מיט ה' פליישער פון בעלכאַטאָוו, ווינטשן מיר א הארציקן מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט.

שערפץ בית-יעקב פאַרוואַלטונג
בנות אַגודת ישראל
לערערן רייזל וואָלף

---

## אַכטונג. לאָדזש!

דער באַקאַנטער באַגאַבטער מוזיקער

# י. טויבע

וועלכער איז גיוועזן אַלענגערע צייט נישט אין לאָדזש איז ווידער צוריקגי-קומין. נעמט אַצינד ווידער אָן חתונות. אויך אַלס באַוואוסטער פע-דאַגאָג נעמט ה' טויבע אָן לעקציעס אויף פידל, קלאַוויר און מאַנדאַ-לין!

גידענקט דעם אַדרעס:
לאָדזש, אַלעע 1-טער מאי 18

---

א הארציקן מזל-טוב ווינטש איך צו דער פאַר-לאָבונג פון מיין קוזינע זיסע פראַדל ווראָצ-לאַווסקא מיט ה' זינגער — ברכה און גליק זאָל תמיד אייער לעבנס-וועג באַגלייטן.

לוטאָמאָוו לערערן פראָמאַן

---

## כוס תנחומים

דעם טיפסטן מיטגיפיל דרוקן מיר אויס דעם ז. ח. פאָרז. פון דער היגער בית-יעקב-שול ח' ז. ראָזנשטרויך און זיין ג. פרוי צוליבן טראַגישן טויט פון זייער זון

מ ר ד כ י-ל ע

וועלכער איז נאָך קורצע און שווערע ליידן פון זיי אוועקגיריסן גיוואָרן אין זיין בליענדער יוגנט.

אין דער ארבייט פאַר-ן הייליקן ב"י-אידעאַל זאָלן זיי א טרייסט גיפונין — המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבילי ציון וירושלים!

אלעקסאַנדער פרויען-פערוו. פון בית יעקב
לערערן — קרוסע שטערן

---

בברכת מז"ט חמה אנו מברכות חברתינו מרת ביל‍ה רדליך לאירושי' את מר הלל טריבע (פאביאניץ). בנו עתידך ברוחנו ויזרח מזלך כשמש בצהרים.

לודז מרחשון תרצ"א

ב. גולדברג ה. דזילובסקי

---

די רעדאַקציע איז אָפן יעדן טאָג פון 11—4 נאָכמיטאָג — נישט באַשטעלטע מאַנוסקריפטן ווערן נישט צוריק גישיקט — ביים פאַרלאַנגן ענטפער מוז זיין בייגיליייגט אַ פּאָסט-מאַרקע — אַנאָנסן, וואָס ווערן נישט באַצאָלט פריעראויס ווערן נישט גידרוקט און ס'ווערט נישט אָפגיענטפערט אויף אַזוינע פרעטענציעס — באַריכטן פון די שטעט וואו ס'איז נישטאָ שטענדיקע 10 אַבאָנענטן ווערן נישט גידרוקט

Red. Luzer Gerszon Frydenzon | געזעצט: מ. ליבעסקינד, לאָדז קילינסקא 50 | Tłocznia J. Djament, Łódź, Kilińskiego 50
Tel. 188-76.